# וואס איר דארפט וויסן

# Legionnaires' Disease

NYC Health
Bill de Blasio
Mayor
Mary T. Bassett, MD, MPH
Commissioner

# ווייסט די פאקטן:

Legionnaires' איז א סארט נומאניע. עס ווערט פאראורזאכט דורך א באקטעריע, **און קען נישט ווערן פארשפרייט פון איין מענטש צום צווייטן.**

---

**עס ווערט גרינג באהאנדלט מיט אנטיביאטיקס,**
און רוב מענטשן פארבעסערן זיך דורך פריע באהאנדלונג.

---

**מענטשן ווערן קראנק דורכן ארייננאטעמען וואסער-פארע מיט דער באקטעריע**
(צום ביישפיל, פארע פון פארפעסטיגטע קילונג-טורעמס). פענסטער עיר-קאנדישאנערס זענען *נישט* קיין געפאר.

---

**איר זענט אין א העכערע ריזיקע אויב איר זענט 50 יאר אלט אדער עלטער** (ספעציעל אויב איר רויכערט), האט כראנישע לונגען קראנקהייט, האט אן אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם אדער נעמט מעדיצינען וועלכע שוואכן אפ אייער אימיון סיסטעם.

## ווארט נישט! באקומט הילף זאפארט אויב איר שפירט קראנק.

- אויב איר האט פיבער, טרייסלונגען, מוסקל ווייטאגן אדער הוסטן, באקומט זאפארט מעדיצינישע אויפמערקזאמקייט.
- דאס איז ספעציעל וויכטיג אויב איר האט א מעדיצינישן צושטאנד וואס אפעקטירט אייער אטעמען אדער אויב איר זענט א רויכערער.
- זאגט פאר אייער העלט-קעיר פראוויידער אז איר זענט באזארגט איבער Legionnaires' דיזיס. אייער פראוויידער קען דארפן מאכן אונטערזוכונגען כדי אויסצוגעפינען אויב איר זענט קראנק מיט Legionnaires' דיזיס אדער אן אנדערע אינפעקציע.

געפינט מער אינפארמאציע ביי
**nyc.gov/health/legionnaires**